כה טבת תשמא / דעם 1טן יאנואר 1981

2.1.81
12.1.81

טײַערער שלמה בירנבוים!

וואָס מאכט איר? איך בין געווען א לענגערע צײַט אויסער
לאָנדאָן, די בריוו האָט מען מיר ניט איבערגעשיקט ווי ס'באדארף
צו זײַן און ערשט לעצטנס בײַם אומקערן זיך אהײם האָב איך
געפונען אײַער בריוו פון יב״טא און די צוויי פעקלעך מיט אײַערע
ווערק. איך קען אײַך קוים איבערגעבן ווי גערירט איך בין וואָס
איר האָט מיר צוגעשיקט און אונטערגעחתמעט אזויפל פון אײַערע
ווערק. איך דאנק אײַך פון טיפן הארצן און איך קען אײַך פארזיכערן
אז איך וועל אײַערע אלע כתבים טײַער האלטן מײַן גאנץ לעבן.
איך בין אדורכגעגאנגען אײַערע איבעריקע כתבים איבער ײדיש לויט
דער ביבליאָגראפיע אין אײַער בוך און א גאָר גרויסן חלק האָב איך
שוין געפונען און פאָטאָקאָפירט פון בריטישן מוזײ און אנדערע
ביבליאָטעקן און כ'וועל זיי אין גיכן לאָזן אײַנבינדן.
וואָס שייך עטלעכע פונקטן אין אײַער לעצטן בריוו ——
(א) יאָ, כ'האַלט אז קמץ/פתח און צירה/סגול זײַנען געווען
פארשיידן אין עלטסטן ײדיש (לאָזנדיק אָן א זײַט די פראגע מכוח
געגנויער פאָנעטישער איכות). די טיפן אפשר/בגד לאָזן זיך טאקע
אויספירן פון אן אײַנאײַנציקן קדמון וואָקאל (וואָס איז געלעגנט
געוואָרן אין אקצענטירטע אָפענע טראפן און איז געבליבן קורץ אין
אנדערע פאָנעטישע שכנותן) אָבער דער טיפ שדים איז מחײב מיר
זאָלן פאָסטולירן א צווייטן קדמון וואָקאל מחמת ער טרעפט זיך אין
דער זעלביקער פאָנעטישער שכנות ווי בגד. (היות ווי די טיפן
מלך, פסח וכו' באווײַזן זיך מיט די לאָקאלע ענטפערדס פון צירה
אין אלע ײדישע דיאלעקטן מוז מען אפנים אָננעמען אז זיי זײַנען
אָט אזוי אָ ארײַן אין עלטסטן ײדיש).
וואָס שייך קמץ און פתח איז אן ענלעכע ראיה: אין יענע
טײלן מערב ײדיש (די דרומדיקע) וואו דער קורצער מה״ד /א/ איז
געלעגנט געוואָרן אויף /א:/, איז אָבער ניט אריבער אין ō,
באווײַזט זיך דער קמץ פאָרט מיט ō אין אײנעם מיט יענע
גערמאניזמען וואָס וואקסן פונען לכתחילה לאנגן מה״ד â, אזוי ארום
אז מען קען דרינגען אז דער קמץ האָט זיך אנטוויקלט אין אײנעם
מיטן לכתחילה לאנגן מה״ד וואָקאל, ניט מיטן סעקונדער געלענגטן.
איך וואָלט אײַך זײער באדאנקט פאר אײַער מײנונג
וועגן דעם.

(ב) בײַם אוועקשטעלן קראָקע אויף א מערב ײדישער מאפע האָב איך
זיך פארלאָזט אין גאנצן אויף מ. ווײַנרײַכס השערה, וואָס ווערט
געבראכט, ווי איר ווײַזט אָן, אָן קײן שום ראיה. קיצור המעשה,
איך בין ארײַנגעפאלן. איך צי צוריק מײַנע רײד און איך דאנק
אײַך זײער פארן אויפווײַזן מיר דעם טעות. (איך וועל די מאפע
איבערמאכן בקרוב).
וועגן טאטנס נאָמען: ער זאָגט אז אין זײַן שטעטל זײַנען
מעינקע און מענדל געווען צוויי לחלוטין פארשיידענע נעמען און אז
מיט מנחם האָט זײַן נאָמען קײן שום שײַכות ניט (בײַם ארויפרופן
צו דער תורה איז עס אויך מעינקע). (דאָס נעמט ניט אוועק,
פארשטײט זיך פון דער לאָגיק פון אײַער עטימאָלאָגיע!)
איך האָב לעצטנס געהאט די זכיה צו אָרגאניזירן די
ליגוויסטישע סעסיע אויף דער לעצטער ייוואָ-קאָנפערענץ (נאָוועמבער
1980), כאָטש איך אלײן האָב ניט געקענט דאָרטן זײַן. די טעמע

פון דער סעסיע איז געווען „פיר ייִדישע פילאָלאָגן”. פאַרשטייט
זיך אַז אָן א רעפעראַט איבער איך וואָלט די סעסיע קיין סעסיע
ניט געווען. האָב איך פאַרבעטן היו דענמאַן צו לייענען איבער
איך א רעפעראַט. ער האָט לאַנג געאַרבעט איבער דעם און איז
צו מיר געקומען צו גאַסט אויף עטלעכע טעג בכדי אויסצונוצן
מאַטעריאַלן וואָס געפינען זיך ביי מיר. דענמאַן איז א לעקטאָר
פון דייטשישער ליטעראַטור (אליין ניט קיין ייִד) אין קווינז
יוניווערסיטי, בעלפאַסט, וואו ער האָט אריינגעפירט דעם לימוד פון
ייִדיש ווי אַן אָנערקענטער טייל פון דער ב.א. דיפּלאָם פּראָגראַם.
ער האָט זיך אליין אויסגעלערנט ייִדיש און האָט דערצו פאַרבראַכט
עטלעכע זומערס אין קאָלאָמביע אוניווערסיטעט אין ניו-יאָרק
אויף דער זומער פּראָגראַם. איך נעם אָן אז היו דענמאַן האָט איך
שוין געשיקט א קאָפּיע פון זיין רעפעראַט. איטלעכן זומער שיקט
ער פון צפון אירלאַנד עטלעכע סטודענטן זיינע זיי זאָלן קענען
זיך מער פאַרטיפן אין ייִדיש.
דעם לעצטן זומער האָב איך געלערנט צוויי קלאַסן אויף דער
זומער פּראָגראַם. פאַרשטייט זיך אַז איך האָב די סטודענטן
רעקאָמענדירט אייער בוך און איך האָב אָפט ציטירט פון בוך
ענינים וואָס האָבן א שייכות צו גראַמאַטיק, סטיליסטיק,
דיאַלעקטאָלאָגישער קלאַסיפיקאַציע און האַנטשריפט.
א קלייניקייט: די סטודענטן אינעם אַוואַנסירטן קלאַס האָבן
זיך אָפּגעזאָגט צו שרייבן דריי נאָכאַנאַנדיקע וואָכן און ביים סיום
הזמן (אין בנין פון ייוואָ!) האָט מען געזונגען א ליד „דער
אייביקער אלף” וואָס א סטודענטקע האָט אָנגעשריבן!

מיט א סך יראת הכבוד, און אַלע בעסטע וואונטשן בלייב איך
אייער תלמיד